


# קאָ אָ רדינירטער אָ פּשאַ צונג & סיסטעם

## אַ רומנעמיקע אָ פּשאַ צונגען קינדער און דערוואַ קסלינג באַ דערפֿענישן און שטאַ רקייטן עס איז אין גאַנצן וועגן דיר

### דו ביסט אין דעם צענטער פֿון דעם אָפּשאַצונג פּראָצעס

דער קינדער און דערוואַקסלינג באַדערפֿענישן און שטאַרקייטן (CANS) און קאָאָרדינירטער אָפּשאַצונג סיסטעם (CAS)
CANS און CAS זענען אָפּשאַצונגען, וועלכע זאַמלען אינפֿאָרמאַציע וועגן דיין שטאַרקייטן, באדערפֿענישן און אינטערעסן, כדי צו העלפֿן דיין זאָרג פֿאַרוואַלטער צו שאַפֿן אַ פּלאַן פֿון באַדינונגען און שטיצן, וואָס איז פּאַסיק פֿאַר דיר. CANS איז באַשאַפֿט געוואָרן פֿאַר קינדער און יונגעלייט (ביז 17 יאָריקע) און CAS איז פֿאַר דערוואַקסענע (18 יאָריקע און עלטער). סיי CANS און סיי CAS פֿאַרזיכערט, אַז דער יחיד, וואָס באַקומט באַדינונגען איז אין דעם צענטער פֿון דעם פּלאַנירונג פּראָצעס.

### ווי אַזוי CANS און CAS אַרבעט?

אַן אויסטרענירטער אָפּשאַצער וועט רעדן מיט דיר און מיט אַנדערע יחידים, וועלכע דו קלייַבסט אויס, וועלכע וויסן בעסטנס וועגן דיין לעבן: דייַנע אינטערעסן, לעבנס-בקיאות, געזונט און שטיץ-סיסטעמען בנימצא. די שמועס פֿאָקוסירט אויף דיר, אָבער קען אַרייַננעמען אַרייַנוואַרג פֿון אַנדערע, וועלכע וויסן דיר גוט, אַזאַ ווי אַ יחיד אין דיין קרייַז פֿון שטיץ, משפּחה מיטגלידער, פֿרייַנד און / אָדער די יחידים, וועלכע שוין שטעלן צו שטיץ פֿאַר דיר. דער אָפּשאַצער וועט אויך געבן אַ קוק אויף דיין אַמאָליקער אינפֿאָרמאַציע, כדי צו פֿאַרזיכערן, אַז זיי האָבן אַרייַנגערעכנט אַלץ, וואָס מע דאַרף כדי צו פֿאַרענדיקן CANS אָדער CAS, אָפּהענגיק פֿון דייַן עלטער. די אינפֿאָרמאַציע וועט זייַן צוטריטלעך פֿאַר דיין זאָרג פֿאַרוואַלטער, וואָס וועט זיך מיט דיר טיילן מיט דער אינפֿאָרמאַציע.

### ווי אַזוי וועט CANS אָדער CAS מיר העלפֿן צו באַקומען די פּאַסיקע באַדינונגען?

די אינפֿאָרמאַציע, מיט וואָס איר טיילט בשעת דער אָפּשאַצונג וועט העלפֿן דייַן זאָרג פֿאַרוואַלטער צו אַנטוויקלען אַ לעבנס-פּלאַן, וואָס וועט אָנזאָגן, וועלכע שטיצן זענען פֿאַר דיר פּאַסיק. עס איז וויכטיק, אַז דו, דייַן משפּחה און שטיץ פּערסאָנאַל מיטגלידער זאָלן באַשרייַבן וואָס דו ווילסט און דאַרפֿסט, אַזוי אַז דייַן באַדינונג פֿאַרזאָרגער קען צושטעלן שטיצן און באַדינונגען פֿון גוטן קוואַליטעט פֿאַר דיר און דייַן משפּחה.

### אויב איך שוין באַקום באַדינונגען, דאַרף איך האָבן אַן אָפּשאַצונג?

אַלע, וואָס באַקומען באַדינונגען פֿון דעם אָפּיס פֿאַר מענטשן מיט אַנטוויקל-מום (OPWDD) וועט דאַרפֿן אַ דערגאַנצטן CANS אָדער CAS. די אינפֿאָרמאַציע פֿון דער אָפּשאַצונג וועט זייַן גענוצט צו פֿאַרזיכערן, אַז דייַנע באַדינונגס זענען פּאַסיק צו דייַנע באַדערפֿענישן און אינטערעסן.

### ווי אַזוי קען איך אָנהייבן?

דער אָפּשאַצער וועט דיך רופֿן כדי צו פּלאַנירן אַ דיסקוסיע און וועט בעטן דייַן זאָרג פֿאַרוואַלטער, אַז ער זאָל פֿאַרזיכערן, אַז ווער עס איז אַנדערש, וואָס דו ווילט האָבן אין דער דיסקוסיע, אַזוי ווי משפּחה מיטגלידער, זענען אַרייַנגענומען. אויב דו ביסט נייַ און האָט נישט קיין זאָרג פֿאַרוואַלטער, וועט דער אָפּשאַצער אַרבעטן מיט דיר און מיט די יחידים, וועלכע שטיצן דיר, כדי צו פֿאַרזיכערן, אַז אַלע געהעריקע יחידים זענען אינטערוויוירט.

**ווי קען איך זײַן זיכער אַז CANS אָדער CAS וועט אַרבעטן פֿאַר מיר?**
CANS און CAS זענען טעסטירט און באַשטעטיקט געוואָרן פֿאַר נוצן מיט יחיים מיט גײַסטיק- און / אָדער אַנטוויקל-מים. CANS איז באַשאַפֿט געוואָרן ספּעציפֿיש פֿאַר קינדער און יונגעלײַט, און CAS איז געשריבן געוואָרן כּדי צו זיין פּאַסיק פֿאַר דערוואַקסענע.

**וואָס וועגן די אַנדערע אָפּשאַצונגען, וועלכע זענען פֿאַרלאַנגט דורך דעם OPWDD?**
מע קען דיך אויך בעטן, אַז דו זאָלסט נעמען פֿאַרשיידענע טיפּן פֿון אָפּשאַצונגען. עטלעכע זענען פֿאַרלאַנגט דורך געזעץ און רעגלאַמענטן, און עטלעכע זענען צוגעָביקע באַדינונג פּלאַנירונג געצײַגן גענוצט דורך זאָרג פֿאַרוואַלטערס. אַלע צושטעלן קריטישע אינפֿאָרמאַציע כּדי צו העלפֿן צו פֿאַרזיכערן, אַז די באַדינונגען וועט שטימען זיך צו צי יעדער איינערס באַדערפֿענישן. עטלעכע אָפּשאַצונגען דו קענסט טרעפֿן זענען:

| | | |
|---|---|---|
| אַנטוויקל-מום פּראָפיל - (DDP-2) | פֿאַרלאַנגט | גענוצט ווי די פֿונקציאָנאַלע באַדערפֿענישן אָפּשאַצונגען, וועט זײַן פֿאַרגעביטן דורך CANS און CASאין דער צוקונפֿט |
| CAS/CANS | פֿאַרלאַנגט | גענוצט ווי די פֿונקציאָנאַלע באַדערפֿענישן אָפּשאַצונגען, וועט פֿאַרבײַטן DDP-2 אין דער צוקונפֿט |
| עס איז אין גאַנצן וועגן מיר אָפּשאַצונג (IAM) אָדער אנדערע זאָרג קאָאָרדינאַציע אָרגאַניזאציע (CCO) געצײַגן | ברירהדיק | גענוצט אין יחיד-פֿאָקוסירטער פּלאַנירונג ווי אַ געצײַג צו צוגרייטן אַ לעבנס-פּלאַן; זאָרג פֿאַרוואַלטערס קענען נוצן IAM אָדער אַן אַנדערן פּלאַנירונג געצײַג |
| אַדאַפּטיווע פֿונקציאָנירונג אָפּשאַצונגען, פּסיכאָ-סאָציאַלע אָפּשאַצונגען און אַנדערע אָפּשאַצונגען, וועלכע זענען ספּעציפֿיש פֿאַר קליניש דיסציפּלינעס און / אָדער באַדינונגען, וועלכע מע האָט געבעטן | ברירהדיק אָבער אָפּענגיק פֿון באַדינונגען, וועלכע מע האָט געבעטן אָדער באַקומען | גענוצט צו באַווײַזן בראַוידיקייט פֿאַר OPWDD באַדינונגען |

**וואָס פּאַסירט נאָך דער CANS/CAS אָפּשאַצונג?**
דײַן זאָרג פֿאַרוואַלטער מיט דיר וועט טיילן מיט דעם CANS באַריכט אָדער מיט דעם CAS קיצור און וועט מיט דיר טרעפֿן כּדי אַרומצורעדן וועגן אים.

אַבי וואָס, וועגן וואָס דו און / אָדער די יחידים, וועלכע שטיצן דיך זאָגן, אַז עס איז וויכטיק צו וויסן, וועט זײַן פֿאַרשריבן, און די אינפֿאָרמאַציע וועט זײַן גענוצט צו אַנטוויקלען דײַן לעבנס-פּלאַן אָדער צו דערהײַנטיקן אַנדערע דאַקומענטאַציע, ווי נויטיק.

אויב דו און / אָדער די יחידים, וועלכע שטיצן דיך האָבן פֿראַגעס וועגן דער אינפֿאָרמאַציע אין דייַן CANS באַריכט אָדער CAS קיצור :

• פֿרעג דייַן זאָרג פֿאַרוואַלטער. דייַן זאָרג פֿאַרוואַלטער קען ענטפֿערן פֿראַגעס וועגן דעם באַריכט אָדער קיצור.

• אויב דייַן זאָרג פֿאַרוואַלטער קען נישט ענטפֿערן דייַנע פֿראַגעס, אָדער אויב דו האָסט אַבי וואָסערע דאגות, דייַן זאָרג פֿאַרוואַלטער קען זיך טיילן מיט די פֿראַגעס מיט דעם OPWDD.

• OPWDD וועט קאָנטאַקטירן דייַן זאָרג פֿאַרוואַלטער, כּדי  צו רעדן וועגן אָדער ענטפֿערן דייַנע פֿראַגעס און / אָדער דאגות,

אָדער

• דו קענסט גלייַך טעלעפאָנירן צו דעם OPWDD אויף 473-7484 (518) און איבערלאָזן דייַן נאָמען, דעם נאָמען פֿון דעם יחיד, וואָס מען האָט אָפּגעשאַצט, זייערע TABS ID (אויב באַוואוסט), און א קאָנטאַקט טעלעפֿאָן נומער.

• אַ מיטגליד פֿון OPWDD CANS / CAS פּערסאָנאַל וועט צו דיר צוריקרופֿן און וועט העלפֿן ענטפֿערן דייַנע פֿראַגעס.